# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Far folḳ un heymland

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Mosḳṿe, 1943**

עס בליט דער בעז

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**

Visual Library

מיט הויכנ ווידערקאָל אינ אופגעוועקטע ווייַטנ
די רוימענ כאזערנ זי איבער אונ די בערג.

א רויטער שטערנ אפנ פרילינג אָנגעטאָנ איז,
א שווערד פונ פרייַהייַט אונ פונ זיג איז אינ זייַנ האנט, —
ער שטראָמט אינ שטאלטנע, רוישיקע קאָלאָנעס
פונ יונגע זינ אונ טעכטער דורכנ לאנד.

ער שטראָמט א מונטערער, א שלאכטיקער, דער פרילינג.
עס ווייסט זייַנ אופגעשטראלטער אימפעט ניט קיינ צאם
ניט אינ דער לופט, ניט אפ דער ערד דער גרינער,
ניט איבער בלויע פלאכנ פונעם יאם.

ס'בליט אומעטום דער בארג זיכ אונ דער טאָל אויס
פונ יעדנ ריר זייַנעם אונ פונ זייַנ יעדנ שפאנ,
ער שטראָמט אינ ווונדער-העלדישע כאיאָלעס
אינ גאָר דער וועלט — פונ ראנד צו ראנד.

— זינ פונ דער ערד, צום פרילינג פונ נעקאָמע!
— זינ פונ דער ערד, צום שלאכטיקנ פארזיי!
דער רויש דער ברויזיקער פונ קרירעדיקע שטראָמענ
שוינ אומעטום פארטויבט איז פונ געוויינ,

וואָס טראָגט פונ לענדער זיכ פארפייַניקטע, געשמידטע,
אונ פונ די היימלאָזע, פארורטיילטע צו פייַנ.
א שוווע גיט דער פרילינג מיט געוויטער
אפ רויטנ פלאצ מיט בלי פונ ערשטנ מייַ.

פארנעמ זי, רוימ, פונ אלע קאָנטינענטנ,
מיט בלוט געצייכנטער פונ שכיטע אפנ האלדז,
אונ ווידערהאָל מיט צאָרנ פונ צעפענטונג,
אונ ווידערהאָל מיט פייַער אינעמ הארצ!

★✦★

## עס בליט דער בעז

פארזאָרגטע קוימענעס אונ שווארצע בערגלעכ אש
אונ בעטלעכ קינדערשע, צעשלייַדערטע דערנעבנ —
ס'איז דאָ אדורכגעגאנ דער טויט מיט סרייפעדיקנ ראש,
מיט צלאָמים דורכגערוישט האָבנ געפאנצערטע באגרעבער.

זיי האָבן, גייענדיק, מיט ביינער אויסגעבעט דעם וועג,
אין זומפּ דעם רום פֿון רויב און מאָרד באַגראָבן.
קיין גראָז וויל זיי אַף דר'ערד ניט געבן אַ באַדעק,
און שנאָבלען ווענדן פֿון זיי אָפּ בעסאַלמענדיקע ראָבן.

פֿאַרקלערטע קוקן כוורועס איינס די צווייטע אָן.
זיי הערן איַין זיך אין די טריט פֿון פֿרילינגדיקן האָגל.
אַ טאָרבע אָנטאָן וואָלט אַ יעדערע געקאָנט
און מיט אַ שטעקן לאָזן זיך אַף וואַנדער און אַף וואָגל.

נאָר זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג דאָס גרינס פֿון פֿעלד,
וואָס רײַסט צו זיי זיך ראַשיק ווי אַ צושלאָג,
און לייגט זיך צו צו יעדער אָפּגעברענטער שוועל,
און ברויזט זיי אויף מיט פֿרילינגדיקע קושן.

ס'גייט אויף דאָס ברויט מיט שעפֿעדיקן שאָרך,
מיט ראַש די זאַנגען פֿון דער ערד זיך שפּאַרן.
עס האָבן פֿרויען היימלאָזע אַף מענערס אָרט
מיט הענט צעאַקערט טויזנטער העקטאַרן,

דער ערד מיט פּײַן און ליבע זיך פֿאַרטרויט,
די וואַרעמקייַט פֿון האַרץ מיט פֿרייד איר אָפּגעגעבן —
פֿאַר די, וואָס האָבן אין געשלעג באַזיגט דעם טויט,
פֿאַר די, וואָס זינגען מיט דער שווערד דעם הימן פֿון לעבן!

צעווישן כורועס הוילע בליט דער בעז,
אַ יעדער בראָכשטיק צערטלט ער און פֿעסטעט.
אַהיים זיך אומקערנד פֿון זייַן צוגעסט,
האָבן די פֿייגל אויכעט ניט דערוויסט זייערע נעסטן.

איז וואָס? איז זינגען זיי דען ניט ווי אַלעמאָל?
און בויען דען זיי ניט קיין היימען זיך קיין נייַע?
ביסט קיינמאָל אַזוי שיין נאָך ניט געווען, פֿאָלק,
און קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען איז נאָך דייַן פֿרייַהייַט,

ווי איצט, ווען ס'איז דייַן גורל — שלאַכט
און אָפּפּערונג פֿאַר גליק — דייַן יעדער טראָט איז!
אַף נייַע ערטער איַילנדיק געבראַכט,
האָבן זאַוואָדן גיבערדיק געטאָן זיך אַ צעאָטעם,

אין הימל מיט די טרויבן זיך געטאָן א גראָב אריַין,
באגינענס אפ די אקסל שמעלצנדיק צעווייעט —
און טויט-געפערלעכע הארמאטן פארן פיַינט
זיך יאָגן זינגענדיק אראָפ פון די קאָנווייערס,

און ס׳בליט מיט פראכט פון פרילינג א פארמעסט,
און גאנצע געגנטן אין דראנג זיך רופן איבער:
וואָס גיכער אויסגליִען די בלוטיק-ברוינע פעסט
פון פעלדער און פון שטעט געפאנגענע און טריבע...

די טראכט פון בערג מיט צאָרן זיך צעפראלט,
מיט שוועס רײַסן זיך די הערצער די צעגליטע:
אין מאָסקווע הערט דער שמעלץ זיך פון אורал,
דער פראָנט פארלייגט די דאָמנעס פון מאגניטקע,

עס וואָרפן שטערן זיך אין זיי אליין פון דר׳הויך,
דאָס פיַיער אָפגעבן דער שלאכט צושטיַיער,
און ס׳רײַסט אין וווקס א יעדער בוים זיך מיט פארטרוי,
א יעדעס גראָז ציט אויס זיך טויקער, געטריַיער,

און ס׳טראָגט דער ווינט פון בליִונג דעם גערוך,
מיט צוויט באדעקן אָפגעברענטע שיַיערס.
דער הימל קיינמאָל ניט געווען איז אזוי הויך,
און קיינמאָל ניט געווען די ערד איז אזוי טיַיער

ווי איצט, ווען אָנגעטאָן אין רויטארמייִש קלייד,
איז זי מיט זאפט מיט גרינעם פול איבער די ברעגן,
און שלאכטנדיק און גראָד אנטקעגן רום זי גייט,
ווי ס׳גייט די זון דעם פרילינג אפ אנטקעגן.

——— ★✦★ ———

## יול 1942

די היץ פון יול איז אויסגעמישט מיט פיַיער פון געווער,
און גאָלד פון רײַפנדיקן ברויט — מיט בלוט פון די באצווינגער;
עס שטײַגט דער איינס-אפ-איינס אין גענעמדיק געפעכט
פאר יעדן זאנג, פאר יעדן בוים, פאר יעדן ציגל.

מיט וואָרצלען קלאמערט אין דער ערד זיך יעדער שטאם,
די היץ אין סטעפ צעפלאסטערט איז וואטראָניש;